ידנא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת ויקרא - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתע"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב לע"נ
הרבנית הצדיקת פריידל ז"ל בת הרה"ק רבי מרדכי סג"ל מ'דעמעטשער זיעועכ"י
אחותו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
יארצייט ביום ח' ניסן - ה' צו הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודת עבודה על פרשת השבוע

### חודש ניסן הוא חודש של חיבה ואהבה

**ויקרא אל משה.**

חומש ויקרא הוא ספר האמצעי, והוא עמודא דאמצעיתא, נגד מדת תפארת, דהיינו כמו שהתפארת כולל בו חסד גבורה מלמעלה ונצח הוד מלמטה, כמו כן חומש ויקרא כולל בו כל החומשים, בראשית שמות מלפניה ובמדבר דברים לאחריה.

ועיין ברש"י הק' על ויקרא אל משה, ומבאר דלשון קריאה הוא לשון של חיבה, דכמו שהקב"ה נתן לנו הקרבנות הוא משום חבה יתירה, כן חודש ניסן שאנו עומדין בו, הוא חודש של חיבה ואהבה, ובכח האהבה הזאת אנו נכנסים להיו"ט של פסח.

(שפ"ק פקודי)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר משה יצחק האס הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### צריכין לערוך עבודת התפלה

### בכוונת הלב וברצון שלם

**אשה ריח ניחוח לה'.**

כאשר הקריב אדם קרבן לפני ה', הרי הקריבו מתוך נדבת לבו וברצון שלם, ונתקבל קרבנו לרצון, וכמו שמצינו בדברי חז"ל, שאם זכו ישראל היה האש שעל גבי המזבח רובץ כארי, ואם לאו היה רובץ ככלב, כי לכלבא אתמסר קרבנם, ולכן הזהיר הכתוב בכל קרבן, 'אשה ריח ניחוח לה'', שצריך להקריב הקרבן באופן שיתקבל לרצון לפני ה'.

ובזמן הזה כאשר אין לנו עבודת המקדש, הרי תפלתו של אדם חשובה במקום קרבן, כי תפלות כנגד תמידין תקנום, וצריך לערכה בכוונת הלב וברצון שלם, כי איזהו עבודה שבלב, הוי אומר זו תפלה, ורק תפלה שנערכה באופן כזה מתקבל לרצון, אבל אם מתפלל

המשך בע' ב



# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**עצביהם, די עבו"ז פון די פעלקער איז, כסף וזהב מעשה ידי אדם, אז זיי האלטן אז די געלט געהערט צום מענטש.**

(שפת"ק בהר -א')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **צבי אביגדור לאנדא** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דער ענין פונעם א' זעירא ווייזט אז דער אייבישטער האט אראפגענידערט זיין אור צום עולם התחתון

ויקרא אל משה וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמר, שטעלן זיך שוין די מפרשים מבאר צו זיין די ענין פון די א' זעירא וואס שטייט דא.

אין רש"י הק' שטייט ויקרא אל משה, לכל דברות ולכל אמירות ולכל ציווים קדמה קריאה, לשון חיבה, לשון שמלאכי השרת משתמשין בו, שנאמר וקרא זה אל זה, דארף מען פארשטיין די כוונה אין דעם, פארוואס די קריאה איז א לשון חיבה, און וואס איז די ראי' צו דעם פון די מלאכי השרת.

נאך זענען די מפרשים מדייק, אז די ווערטער 'מאהל מועד' איז לכאורה איבריג, ווייל עס שטייט שוין אין ספר שמות, אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו פונעם אהל מועד.

נאר אין ספר הק' אוהב ישראל איז ער מבאר דעם ענין אויף דעם אופן, ווייל די עיקר רצון הבורא צו באשאפן די וועלט איז געווען צו מייחד זיין קוב"ה ושכינתי', דאס מיינט אז אויך די עולמות התחתונים וואס זענען ווייט פונעם אייבערשטן, זאלן זיך מייחד זיין און מקשר זיין צום אייבערשטן, דעריבער יעדע עולם פון די עולמות עליונים אפילו ער איז זייער גרויס, מוז ער זיך משפיל זיין צו דער עולם וואס איז אונטער אים, כדי אז אויך די עולם וואס איז אונטער אים זאל זיך קענען מקשר זיין צום אייבערשטן, און דאס איז די ענין וואס שטייט ביי די מלאכים, 'וקרא זה אל זה', דאס איז פשט, אז יעדע מלאך איז זיך כולל מיט א מדריגה וואס איז אונטער אים, כדי איינער זאל מקבל זיין פונעם צווייטן, און דאס ווערט אנגערופן בלשון קריאה, אזוי ווי דער תרגום טייטשט, ומקבלין דין מן דין, ווייל דורך די קריאה פון איינער צום צווייטן, קען יעדער מקבל זיין פונעם צווייטן, און אזוי קענען אויך די מדריגות התחתונות זיך מייחד זיין צום אייבערשטן.

און דאס איז אויך די ענין פון די קריאה וואס שטייט דא, 'ויקרא אל משה', דאס מיינט אז דער אייבערשטער כביכול האט משלשל געווען זיין אור צו רעדן צו משה רבינו מיט א קלענערע מדרגה, אפי' משה רבינו האט געקענט סובל זיין אויך א גרויסע אור פון די עולמות עליונים, האט דער אייבערשטער גערעדט צו אים מיט א קלענערע מדריגה וואס לייכט אויך אין די עולמות התחתונים, ווייל די תכלית הבריאה איז דאך צו מקשר זיין די עולם התחתון צו די עולם העליון, און דאס איז די כוונה אז קריאה איז א לשון חיבה, ווייל די ענין אז דער אייבערשטער איז משלשל זיין אור עס זאל לייכטן אין די עולם התחתון, ווייזט אויף די מורא'דיגע ליבשאפט פונעם אייבערשטן צו אידישע קינדער. און צו דעם ברענגט רש"י א ראי' פון די מלאכים, וואס עס שטייט ביי זיי וקרא זה אל זה, וואס דאס איז אויך א ענין פון חיבה, וואס יעדער איז זיך משפיל צום צווייטן, און דאס איז אויך געווען די ענין פונעם קריאה פונעם אייבערשטן צו משה רבינו, צו משלשל זיין זיין אור צו די עולם התחתון.

און דאס איז די ענין פון די א' זעירא וואס שטייט דא, 'אלף', ווייזט אויף דער אלופו של עולם, 'זעירא', מיינט ער האט זיך קליין געמאכט צו משה רבינו מיט א נידריגע מדרגה, און דאס איז פשט ווייטער וידבר אליו 'מאהל מועד' לאמר, 'אהל' איז א לשון פון אור, ווי עס שטייט 'בהלו' נרו עלי ראשי, דאס מיינט אז דער אייבערשטער האט ארויף געלאכטן זיין אור, אויף די בחינת 'מועד', וואס דאס איז די עולם הזה, וואס איז אונטער א בחינה פון א צייט און א זמן.

(עבו"ע פתג"ק)

---

המשך מע' א

כמצות אנשים מלומדה, יוצא ונכנס בעת התפלה, כאדם העושה דבר בדרך כפייה ובעל כרחו, אזי לכלבא אתמסר תפלתו רח"ל.

וכן עסק התורה בזמן הזה חשובה כהקרבת קרבן בבית המקדש, כמו שאמרו חז"ל על הכתוב זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת (מנחות קי"א ע"א), כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא מנחה ולא חטאת ולא אשם, אבל אם האדם עוסק בתורה ברצון שלם ומתוך אהבה לה' הבוערת בקרבו, כי יודע שעל ידי התורה הוא מתדבק בה' יתברך, דאורייתא וקוב"ה כולא חד, אזי תורתו מתקבלת למעלה לאשה ריח ניחוח לה', אבל אם עוסק בה מתוך קרירות הלב, ובדרך כפייה, ומכוין רק כוונה חיצונית, כדי להיות חכם וידען גדול, ולהראות חכמתו לאחרים אזי אין לימודו מתקבל לרצון.

(פתג"ק פקודי)

# תוכן דברות קודש ששמענו מאת
# כ"ק מרן רבינו שליט"א
## בעת רעוא דרעוין שב"ק פרשת ויקהל – פקודי העל"ט – בלתי מוגה

**א) ויקהל משה. הקשה במדרש ילקוט למה דייקא בפרשה זו נאמר בהקהל.**

**ב) זה הדבר כו' לעשות אותם, ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי כו'. למה לא אמר ש'לא לעשות אותם' דקאי על איסור מלאכת שבת.**

**ג) אלה פקודי המשכן משכן העדות. כבר דקדק רש"י ז"ל על כפל הלשון.**

**ד) רש"י ביאר ש'המשכן' מורה על שני בתי המקדשות שנתמשכן בעוונותיהם של ישראל, ו'משכן העדות' מורה על המשכן שהוא עדות שמחל להם הקב"ה על העגל, ורוצה לשרות ביניהם. ולכאורה אינו מובן דאם בא לחזק לבם של ישראל, שהשי"ת רוצה לשרות ביניהם, למה מרמז להם כאן על שני המקדשות שיתמשכנו בעוונותיהם.**

הנה כולנו מצפין שיקויים גם אצלנו בחינת משכן העדות, שהשכינה הק' ישרה בינינו, שהתורה הוא נצחית, הגם שאנו יודעין שהשי"ת שורה בינינו, אבל כפי מעשינו קשה לנו לומר שהשי"ת מוחל לנו ושורה שכינתו בתוכינו, ונכסוף נכספנו לזה, לכן צריכין להתפלל על זה, כמו שאמרנו היום, 'כאשר שמענו כן עוד חיש נא', שיחיש השי"ת לנו להשרות שכינתו בינינו כמו מאז.

הרה"ק רבי מנחם מענדל מ'רימאנוב זי"ע אמר שגדולה שבת החודש, לפי שבניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל, ובחודש זו יכולין לעורר הגאולה שלימה, ועוד זאת, שכל מטרת יציאת מצרים היתה שבני ישראל יקבלו התורה וילכו בדרכי ה', כמו שנא' בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ולכן חודש זו הוא ראשון לחדשי השנה, שאז התחיל קבלת התורה, לכן קורין שבת זו 'החודש הזה לכם ראש חדשים', לעורר אותנו שלפי שקבלת התורה התחיל בחודש ניסן ע"י יציאת מצרים לכן חודש ניסן הוא חודש הראשון, ולכן צריכין אנו לקבל עלינו התורה מחדש. הלא כל אחד רוצה שנזכה להיגאל בחודש ניסן זו, כדי שנוכל עוד בהאי שתא לאכול הקרבן פסח בירושלים, ואנו צריכין לעשות איזה דבר לזה.

לכן ראשית כל צריכין להתפלל על זה, ואם נתפלל על זה יעשה הקב"ה בקשתינו, כמו שנא' אם כסף תלוה את עמי כו', אם חבל תחבל שלמת רעך עד בא השמש תשיבנו לו כו' כי הוא כסותו לבדה כו' והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני, וכשחטאו ישראל לקח השי"ת בית מקדשו בתורת משכון על עוונותיהם, והיה כי נצעק אליו, ונאמר לו שהוא בית חיינו, ואין אנו יכולין לחיות עוד בלי זה שישרה בינינו, ישוב השי"ת את המשכון אלינו היינו הבית המקדש כהלכה.

ולכן אמר לנו 'המשכן' שמורה שנתמשכן המקדשות, אצל 'משכן העדות' שמורה שהשי"ת מחל על החטאים, שבא לחזק ולעורר לבבנו, שהמקדש הוא משכון, וכהלכות משכון אם אינם יכולין לחיות בלי המשכון צריך המלוה להשיבו, כן כשנתפלל אל השי"ת ונצעק אליו להשיב אלינו את בית חיינו בוודאי ישוב אותו אלינו.

הרה"ק מ'ראפשיץ זי"ע פירש על נוסח התפילה שאנו אומרין, 'ובנה אותו בקרוב בימינו', היינו שיבנה אותו ע"י ימינו, פירוש ע"י עבודתינו תפילתנו וצפייתנו בימינו אלה יבנה בית המקדש, וכן הנוסח 'יהי רצון כו' לכונן בית חיינו ולהשיב את שכינתו בתוכינו במהרה בימינו', הכל שע"י הכיסופין בימינו ישוב להשרות שכינתו בתוכינו.

*

הרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע מביא משל שהובא במדרש, בני מדינה עשו למלך שלשה כתרים, וכשנתנם להמלך נתן המלך להם שני כתרים במתנה, ונטל רק כתר אחד, והנמשל הוא שהמלאכים אומרים בכל יום קדוש קדוש קדוש, והשי"ת נותן לנו שני פעמים קדוש, ונוטל רק קדוש אחד, וזהו מה שנאמר 'קדושים תהיו', ומיעט רבים שנים, 'כי קדוש אני', והשני פעמים קדוש שהשי"ת נותן לנו הם סור מרע ועשה טוב, שבלי שני קדושות אלו א"א להתקרב אל השי"ת שהוא קדוש.

סור מרע היינו פרישה מתאוות והנאות העולם, לא רק תאות של איסור, ועשה טוב היינו תפילה ותורה ועשיית מעשים טובים בקדושה וטהרה.

ובזה נתרץ כפל הלשון משכן המשכן, שמשכ"ן בגי' קדוש, ולכן נכפל 'משכן' שני פעמים, לרמז שאנו צריכין לעשות שני קדושות, הן סור מרע והן עשה טוב, ורק אז יכולין להשרות שכינתו בינינו ולהתקרב אליו ית'.




*

בימים אלו נכנסין לימי הכנה ליום טוב פסח. בפרשת החודש שקראנו כתיב ושמרתם את המצוות, ופי' רש"י ושמרתם את המצוות, והקשו התלמידי בעל שם מה הוא כוונתו בזה.

ופירשו ואמרו דליל התקדש חג הוא גדול וקדוש, ובנ"י הרי הם כמו הכהן גדול ביום הקדוש בקדשי הקדשים, והתם כתיב כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם, ביום הקדוש מכפר השי"ת על כל החטאים, היינו בין כשעבר על מצות עשה ובין כשעבר ח"ו על מצות לא תעשה, כשאדם עובר על מצות עשה נעשה מזה מקום חלל, וכשעובר על לא תעשה נעשה פגם והחיצונים יונקים מזה, וכשהכהן גדול נכנס לפני ולפנים מכפר השי"ת על כל החטאים.

והנה בליל התקדש חג צריכין לקיים מצות מצה, וכבר אמר רביה"ק כמה פעמים שמצות מצה הוא אינו רק שמבערין החמץ ומביאין מצה שמורה, אלא מצות מצה הוא מצוה לבער החמץ והשאור שנמצאין בפנימיות הלב של כל בר ישראל, ולסור לגמרה מן הרע, ולעסוק עוד יותר ויותר בעשה טוב.

ולכן בליל התקדש חג הוי כמו ביום הקדוש, דהשי"ת בא עם פמליא דיליה לכל בית ישראל, ואומר להם חזו מה שבני עושין, חזו היאך הם שמחים בניסים של יציאת מצרים, והם מקיימין מצות מצה, והם עושין הב' קדושות בסור מרע ועשה טוב, והשי"ת מכפר על כל חטאתינו.

וזהו ושמרתם את המַצות, ופי' רש"י ושמרתם את המִצוות, לומר שצריכין לקיים את הסור מרע ועשה טוב, לכן קורין זה בשבת שלפני חודש ניסן, לעורר כל אחד ואחד שיכין את עצמו לזה, ושיבער כל אחד החמץ והשאור שבלבו, ויביא ויעשה עוד ועוד מצוות עשה. וכמו שמצות מצה הוא עבודה בפנימיות הלב כן הוא גם כן בתפילה בתורה ובגמילות חסדים.

בתפילה, שמתפללין בבית המדרש שידוע שהוא מקום של השראת השכינה, והנה השי"ת הוא מלא כל הארץ כבודו ושורה בכל העולם בבית ובחוץ, ואין הפירוש שהשי"ת שורה רק בית המדרש, אך כל זה הוא בא רק להביא במחשבת האדם, שבבא האדם לבית המדרש יחשוב למי אתה בא ולמי אתה מדבר, מי מקשיב לקולך ומי מצפה לתפילתך ותהלתך, הלא הוא השם יתברך, ובחשוב כל אלה זוכר האדם תמיד שיש ה' בקרבנו, לכן אמרו שהשי"ת שורה בביהמ"ד.

וכן הוא בתורה, כמו שכתוב בפרשתינו, ויקהל משה את בנ"י ואמר להם הלכות השבת שהוא בא לחזק האמונה בלבנו, כידוע שביקש משה מפרעה שיתן לבנ"י את יום השבת לנוח מהעבודה, והכל היה כדי שיהיה לבנ"י יום מנוחה, שבו יחשבו בנ"י מה יום מיומים, שצוה השי"ת לנוח ביום הזה, לפי שברא כל העולם בששה ימים וביום השביעי שבת וינפש, וזה מביא למחשבת האדם שיש בורא עולם שברא הכל, וצריכין לעשות ככל אשר צונו, לכן בא שבת בא מנוחה, שיום השבת מזכיר את האדם גדולת הבורא ומחזיק את האמונה בהשי"ת.

ולכן תיקן משה לישראל שילמדו שלושים יום קודם החג בהלכות החג, שזה יחזק גם כן האמונה בלבם כמו שהוא אצל הלכות שבת. וכמו שאמר החפץ חיים זי"ע, כי נר מצוה ותורה אור, כמו הנר אינו יכול להאיר בלי האוה, והאור אינו יכול להאיר בלי הנר היינו השעוה, כך המצוה אינו יכול להאיר בלי התורה, ואין התורה יכול להאיר בלי עשיית המצוה, שכדי שיאיר המצוה צריכין ללמוד ולשמוע לכל מה שהתורה מצוה אותנו, לפי שהתורה מאיר ומחזיק האמונה בפנימיות הלב.

וכן נמי בגמילות חסדים, ששלושים קודם החג הוי פורים, וביום הפורים ידוע שכל הפושט יד נותנים לו, והכל הוא הכנה לחג הפסח, כמו שאמר השי"ת לאברהם 'בך חותמין', היינו במדת החסד חותמין הגלות, בזכות גמילות חסדים יבוא הגאולה שלימה, וכל זה הוא לעורר בפנימיות לבנו שבחודש זה הוא זמן שבנ"י יצאו ממצרים, ובניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל, לכן צריכין לעשות גמילות חסדים וליתן צדקה לעניים, כדי שנגאלו בחודש הזה.

ולכן דוקא בפרשה זו אמר התורה ויקהל משה, לפי שכאן הוצרכו לבנות המשכן, וכדי לבנות המשכן צריכין להיות באחדות אחד, לפי שנחרב הבית בשביל שנאת חנם, ובשביל אהבת חנם יבנה המקדש, לכן ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, קהל וקיבץ משה את כל ישראל באחדות ובאהבת חנם, כדי שיוכל לבנות המשכן.

ולכן לא אמר משה 'לא לעשות אותם', שאמר הרמב"ן הק' ש'לעשות אותם' קאי על בניית המשכן, שבכל דור ודור מחוייבין בנ"י לבנות משכן לה' בתוכם, וכדי לבנות משכן לה' צריכין מקודם להיות באחדות עם כל ישראל, לכן אמר 'לעשות אותם', היינו שצריכין להיות באחדות ולאהוב כל אחד מישראל ועי"ז תוכלו לבנות המשכן להשי"ת, וזה יפעול שהשי"ת יבנה בית המקדש השלישי בזכות זה.

לכן נצפה ונאמין להגאולה בכל יום, הלא אנו עומדין בשבת פר' החודש, החודש פי' חדשו מעשיכם, אמרו חז"ל אלו שמרו בנ"י שתי שבתות מיד נגאלין, השתי שבתות היינו שבת פרה ושבת החודש, בשבת פרה טיהרנו עצמינו כדי שנוכל לאכול הקרבן פסח בטהרה, ובשבת זו נחדש את מעשינו, ובזכות זה יעזור השי"ת אותנו ויגאלנו.

רבונו של עולם, אנו נעשה מצדנו אתערותא דלתתא, ואנו מבקשין ממך שתעשה אתערותא דלעילא, ובנ"י יוושעו ויגאלו מכל רע, וידעו רק מכל טוב. עד שנזכה לביאת גואל צדק בב"א.


**זמירות שירות ותשבחות**

מעומק הלב פנימה, בשפה ברורה ובנעימה, ברכת מזלא טבא וגדיא יאה נריע, וכל ברכאן דלעילא ותתא נביע, מתוך שובע שמחות ובלב מלא ברכות, מזלא טבא עולות, במיטב הלשונות, ממללא מילא, שבח יקר וגדולה, מעומקא דליבא, ברגשות הומים, אל מול ידידי היקר באהבים, מוכתר במידות מוזהבים, בהילולים ותוארים, שמו מפארים,

ה"ה

**החתן אלימלך סג"ל קרויס ני"ו**

**בן מוה"ר יצחק אייזיק שלום הי"ו**

לרגל שמחת אירוסיו בשעטו"מ למזל טוב

**עב"ג מוה"ר שלמה קליין הי"ו**

יהא רעווא מן קדם אבוהון דבשמיא וארעא, שהזיווג יעלה יפה יפה, והבית בהבנותו תזכה לראותו על אדני התורה והמסורה ע"ד הסלולא לנו מרביה"ק זי"ע, מתוך אושר ועושר ושמחות לרוב ותרוה רב נחת דקדושה ושובע שמחות מכל יוצ"ח תמיד וסייעתא דשמיא בכל הענינים, ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

המברך בלב מלא שמחה

חבירך הנאמן:

**מוה"ר יצחק אייזיק ברמ"א קרויס**

**הב' דוד ברנש"ז הערשקאוויטש**

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **חיים יוסף יודא גרינוואלד** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' טובי' נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ויקרא אל משה.

עס איז מבואר אין חז"ל און אין די ספרי קודש אז דער גאנצער תכלית פון בויען א משכן איז געווען פאר צוויי זאכן, 1) א פלאץ ווי דער שכינה זאל קען רוען דא אויף דעם וועלט, ווי דער פסוק זאגט 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', 2) עס זאל זיין א פלאץ ווי מען זאל קענען מקריב זיין קרבנות.

פאר משה רבינו האט נישט אויסגעפעלט קיין משכן אז דער שכינה זאל קענען רוען, וויבאלד משה רבינו איז געווען דער גרעסטע עניו, איז דאך ממילא שוין געווען ביי אים השראת השכינה, און צו ברענגן קרבנות האט משה רבינו אויך נישט געדארפט קיין משכן, ווייל די גמרא זאגט אין מסכת סנהדרין (מ"ג ע"ב) אז אויב א מענטש איז א עניו, איז כאילו ער וואלט מקריב געווען אלע קרבנות.

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס די בית המקדש איז נישט געבויט געווארן דורך דוד המלך, וויבאלד דוד המלך איז אויך געווען א גרויסע עניו, אזוי ווי ער זאגט אין תהלים (כ"ב) 'ואנכי תולעת ולא איש', האט דאך פאר דוד נישט אויסגעפעלט א בית המקדש פאר השראת השכינה, אדער כדי מקריב צו זיין קרבנות, דעריבער האט דוד המלך נישט געקענט טוהן די מצוה פון בויען א בית המקדש פאר כלל ישראל, וויבאלד ער אליינס איז נישט מחויב אין בויען א בית המקדש.

דא ביי אונז ווען דער אייבערשטער האט אנגעהויבן צו זאגן די דינים פון קרבנות פאר משה רבינו, האט משה רבינו געהאט צער אויף דעם וואס ער האט נישט געהאט די מעגליכקייט זיך משתתף צו זיין אין די נדבת המשכן, האט דער אייבערשטער געוויזן פאר משה רבינו א קליינע 'אלף', אז אויב מען האלט זיך קליין, ווערט עס גערעכענט ווי אלף, ווי מען וואלט מקריב געווען טויזענט קרבנות, דעריבער דארפסטו נישט האבן צער, אויף דעם וואס דו האסט זיך נישט משתתף געווען אין די נדבת המשכן.

(שמן ראש)

### אליו מאהל מועד לאמר וגו'.

עס ווערט געברענגט א שיינע רמז פון די פסוק צו יו"ט פסח הממשמש ובא.

דאס ווארט 'אליו' איז ראשי תיבות, 'ולחם ל'בב א'נוש י'סעד, וואס דאס איז א רמז צו מצה, אויך איז דאס ראשי תיבות, ו'יין י'שמח ל'בב א'נוש, וואס דאס איז א רמז צו די ארבע כוסות, 'מועד' איז א לשון התוועדות, און 'לאמור' איז א לשון התרוממות.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, 'אליו' אויב מען עסט די מצה, און מען טרינקט די ד' כוסות, מאהל 'מועד' בהתוועדות, בדיבוק חברים, דעמאלט וועט זיין 'לאמר' וועט מען זוכה זיין זיך צו דערהייבן צום אייבערשטן.

(אמרי חיים)

### דבר אל בני ישראל ואמרת אלהם אדם כי יקריב מכם קרבן וגו'.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס הייבט זיך דער פסוק אן מיט 'דבר' א לשון פון 'דין', און ענדיגט מיט 'ואמרת' א לשון פון 'רחמים'.

מען קען עס מסביר זיין, אז דורך די קרבנות וואס אידישע קינדער זענען מקריב מיט א צובראכן הארץ און הכנעה, קען מען איבערדרייען 'דין' און דאס מאכן פאר 'רחמים'.

(אהבת שלום)

### אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם.

אין דעם פסוק זעהט מען ווי טייער עס זענען די ווערטער פון א איד. בעפאר א מענטש האט געהייליגט א קרבן איז דאס געווען א בהמה ווי אלע בהמות, אבער תיכף ווען דער מענטש האט געזאגט 'הרי זו עולה' איז דאס גלייך הייליג געווארן, זעהט מען פון דעם, אז מיט א בלויזע דיבור ווערט אויפגעטון גרויסע זאכן.

דאס איז א שטארקע חיזוק, אז ווען אימער א איד וויל זיך דערנענטערן צום באשעפער, דארף ער ווייסן אז בלויז דורך תורה און תפילה ווערט ער געטוישט אויף אן אנדערע מענטש, דאס זאגט דער פסוק, 'מן הבקר ומן הצאן' פון דער אופן ווי אזוי מען מאכט הייליג שאף און רינדער, 'תקריבו את קרבנכם' קען מען זיך דערנענטערן צום באשעפער.

(תפארת שלמה)

### ושחט אותו על ירך המזבח צפונה לפני ה'.

דער עיקר פונעם קרבן איז דאך דער רצון פון דעם מענטש, זיך אליין מוסר נפש זיין פאר'ן אייבערשטן.

קען זיין א רמז אין פסוק אז 'צפון' איז א לשון פון באהאלטן, דאס זאגט דער פסוק, 'ושחט אותו על ירך המזבח' מען שחט טאקע די בהמה נעבען דעם מזבח, אבער 'צפונה לפני ה'' די באהאלטענקייט פון דעם מענטש, דאס הייסט דער מחשבה פון דער מענטש דארף זיין פאר דעם אייבערשטן.

(חידושי הרי"ם)

## א מעשה אויף די פרשה

דער מאור ושמש ברענגט אז ווען א איד האט געברענגט א קרבן אין בית המקדש, האבן די כהנים און לויים אים מעורר געווען צו אהבת השי"ת, ביז ער האט געטון תשובה מיט'ן גאנצן הארץ, און דאס האט אים פארשאפט זיין כפרת עוונות. אויך צדיקים אין שפעטערדיגע דורות האבן נאכגעפאלגט די הייליגע עבודה דורך מעורר זיין זייערע חסידים צו תשובה.

עס ווערט דערציילט, אז די גאר געהויבענע חסידים פון הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלוב'ער זי"ע האבן געפרעגט זייער רבי'ן, צו וועמען זיי זאלן פארן נאך זיין פטירה, האט זיי רבי אייזיק'ל געזאגט, 'ווען איר וועט אנטרעפן א רבי וואס קען ארויסנעמען די נשמה פון א מענטש, איר אויסוואשן, און צוריקשטעלן אויף איר ארט, אין דעם רבי'ן זאלט איר אייך מדבק זיין'.

די דריי געהויבענע חסידים האבן זיך נאך דער פטירה ארויסגעלאזט זוכן א רבי, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין ראפשיץ.

ווען זיי האבן איבערגעטרעטן די שוועל פונעם הייליגן ראפשיצער רבי'ס חדר, איז דארט פונקט געשטאנען א איד און געוויינט, אז דער רבי זאל אים ארויסגעבן א תשובה אויף א הארבע עבירה.

דער ראפשיצער רב האט געזאגט צו יענעם איד, 'זאג מיר, איך בעט דיר, ווי פאלט איין א איד צו טוהן אזא מין גרויסע עבירה'?, דער איד איז באלד געפאלן חלשות, מען האט אים תיכף געמונטערט, און דער ראפשיצער רב האט צו אים ווייטער גענומען רעדן, 'אפשר קענסטו מיר זאגן וואס האט דיר דער רבונו של עולם געטון שלעכטס, וואס דו דינסט אים אפ מיט אזא נידעריגער עבירה'?.

דער איד איז ווידער צוזאמענגעפאלן, און מען האט אים נאכאמאל געמוזט דערמונטערן, דאן האט אים דער ראפשיצער רב ווידער געזאגט, 'השי"ת גיבט דיר געזונט, פרנסה, מיט אלעם גוטן, גייט מען און מען טוט אזא הארבע עבירה'?.

דער איד איז צום דריטן מאל צוזאמענגעפאלן, און מען האט אים דאס מאל קוים דערמונטערט, דאן האט דער ראפשיצער רב געזאגט צום איד, 'דו קענסט שוין אהיימפארן'.

די דריי געהויבענע חסידים פון רבי אייזיק'ל האבן צוגעזען די גאנצע מעשה, און זיי האבן ביי זיך געשמיכלט, רופט זיך אן דער ראפשיצער רב, 'איר פרייט אייך וואס איך בין אזא רוצח'?, האבן אים די חסידים איבערגעזאגט זייער רבי'ס ציווי, צוגעבנדיג אז יעצט האבן זיי געזען ווי א רבי נעמט ארויס א נשמה, וואשט עס אויס, און לייגט עס צוריק אויף איר ארט, און ווי פארשטענדליך זענען זיי געבליבן ראפשיצער חסידים.

# גניזת שמות (ב)

## שמות צו גניזה

אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזהי"ת אקטועלע און ניצליכע הלכות וואס זענען שייך ביי שמות, וועלכע זאכן מען דארף לייגן אין שמות, און וועלכע זאכן מעג מען לייגן אין גארבידזש בדרך כבוד, דאס מיינט אריין לייגן אין צוויי בעגס און אזוי אוועק ווארפן, און וועלכע זאכן מעג מען אוועק ווארפן אין די געהעריגע גארבידזש.

**באמערקונג**

עס זענען דא וואס האלטן אז א אויסגאבע וואס איז בעיקר פאר וועלטליכע זאכן, און ס'שטייט דערין אויך דברי תורה, אויב מען האט בכלל נישט אריינגעקוקט אין די דברי תורה, איז עס בכלל נישט מחויב בגניזה, און אזוי ווי עס איז שווער צו וויסן צי איינער האט אריינגעקוקט דערין צו נישט, דעריבער האבן מיר נישט געמאכט דעם חילוק.

### ה
### שאלה: וועלכע ספרים און קונטרסים, דארף מען לייגן אין שמות, און וועלכע נישט?

**תשובה:** אלע ספרים אדער קובצים, קונטרסים, גליונות א.ד.ג. וואס זענען געשריבן אויף סיי וואס פאר א שפראך, נישט קיין חילוק צי עס איז געשריבן מיט די הענט, אדער געדריקט מיט א מאשין, זענען שמות.

צוריסענע ספרים

אזוי אויך צוריסענע ספרים, אדער אפילו א צוריסענע בלאט, אדער אפילו א דעקל, פון סיי וואס פאר ספר ווי למשל א חומש, גמרא, סידור, זמירות, בענטשער, קריאת שמע ליינער, א.ד.ג., אפילו זיי זענען אינגאנצן צוריסן און מען קען עס בכלל נישט נוצן, זענען שמות.

### ו
### שאלה: וואס איז די הלכה מיט ברושארן - בולעטין - זשורנאלן - צייטונגען א.ד.ג.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

די אפטיילונג וואס שטייט דערויף פסוקים, אדער דברי תורה, אזוי אויך דרשות פון רבנים, אדער ענינים פון מוסר און מדות, אדער ריינע השקפות פון אמונה ובטחון, וואס זענען מיוסד אויף דברי חז"ל זענען שמות.

און די אפטיילונג פון די וועלטליכע נייעס, אדער אדווערטייזמענט, און אפהאנדלונגען, א.ד.ג., קען מען לייגן אין גארבידזש.

און די מאמרים וואס זענען נישט באזירט אויף תורה, נאר עס קען זיך פארוואָרפן גאנצע פסוקים, אדער מאמרי חז"ל, זאל מען לייגן אין 2 בעגס אין גארביטש, בעסער אין ריסייקלינג.

**באמערקונג**

אזוי ווי עס איז שווער נאכצוזוכן אלע ארטיקלען צי עס איז נישט דא דערין פסוקים אדער מאמרי חז"ל, דעריבער איז גוט זיך איינצופירן אוועק צו ווארפן די אלע באשרייבונגען בדרך כבוד, אז אויב אין פאל אז עס איז ערגעץ דא א פסוק אדער א מאמר חז"ל, זאל עס איז נישט ווערן אוועק געווארפן בדרך בזיון.

### ז
### שאלה: צעטלעך, קאפיעס א.ד.ג. וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר, דארף מען לייגן אין שמות?

**תשובה:** די אלע צעטלעך און קאפיעס וואס עס שטייט דערויף נאר אותיות, אדער אפילו גאנצע ווערטער זיך צו לערנען עברי, ווי למשל א' ב' צעטלעך, עברי צעטלעך, נישט קיין חילוק צי עס האט נקודות, צי נישט, זענען נישט קיין שמות, נאר לכתחלה זאל מען עס נישט אוועק ווארפן בדרך בזיון צוזאמען אין גארבידזש.

אבער אויב זיי זענען א גאנצע פסוק, אדער א מאמר חז"ל, איז דאס יא שמות.

אויב די אותיות און די ווערטער זענען געבינדן אזוי ווי א ספר, ווי למשל אלף בינה א.ד.ג., זאל מען מער נוהג כבוד זיין, לייגן אין צוויי בעג'ס אין לייגן אין די ריסייקלינג. וויבאלד עס האט א צורה פון א ספר.

## בחינות און שאלות

צעטלען אין קאפיעס וואס שטייט דערויף שאלות פון די פרשה, אדער פון גמרא אדער הלכות א.ד.ג. קען מען אוועק ווארפן בדרך כבוד, און אויב נאך די שאלה שטייט אויך די תשובה דארף מען עס לייגן אין שמות.

און אויב די שאלות זענען אויף איין בלאט, און די תשובות אויף א אנדערע בלאט, אזוי אויך אויב די שאלות זענען אין איין זייט פון בלאט, און די תשובות אויף די אנדערע זייט, קען מען עס אוועק ווארפן בדרך כבוד.

## מעשיות

מעשיות פון די גמרא, אפילו אויף אידיש איז שמות, אזוי אויך מעשיות פון צדיקים וואס האבן אין זיך פסוקים און מאמרי חז"ל, און דברי חיזוק והתעוררות לתורה ועבודה.

### ח
### שאלה: וואס איז די הלכה פון חתונה בריוולעך - אדער הזמנות פון בר מצוה א.ד.ג.

**תשובה:** אויב עס איז געדרוקט דערויף א גאנצע פסוק זאל מען דאס לכתחלה לייגן אין שמות, אבער אויב עס שטייט דערויף נאר א טייל פון א פסוק, דארף עס נישט קיין גניזה.

איבער דעם איז מען געווענדליך מקפיד נישט צו שרייבן ביי א הזמנה נאר א טייל פון א פסוק, למשל מען שרייבט "עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים", און מען שרייבט נישט דעם המשך פון פסוק "קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה", אדער שרייבט מען נאר "קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה".

טייל שרייבן "עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים" און די רעכטע זייט פון די הזמנה, און "קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה", און די לינקע זייט.

און אזוי ווי עס איז שווער מברר צו זיין יעדע הזמנה, צי עס שטייט דערויף

א גאנצע פסוק, אדער נאר א טייל פון א פסוק, דעריבער איז ראטזאם אוועק צוווארפן די אלע הזמנות בדרך כבוד.

מיר וועלן שרייבן עטליכע דוגמאות וואס מען שרייבט אויף אסאך חתונה בריוולעך, און דאס דארף גניזה: "זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו" (תהלים קי"ח כ"ד), - "קול רנה וישועה באהלי צדיקים" (תהלים קי"ח ט"ו), - אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה (תהלים קי"א א') א.א.וו.

## ט

## שאלה: עס זענען דא פארשידענע בילדער און מאלעריי וואס דורכדעם פארשטייט מען דאס לערנען, דארף מען דאס גונז זיין?

**תשובה:** סתם בילדער פון די פרשה, גמרא, הלכות, א.ד.ג. אויב עס האט נישט קיין ווערטער איז עס נישט שמות, און אויב מען האט געשריבן אונטערן בילד א פסוק אדער א מאמר חז"ל, דארף מען גונז זיין די ווערטער.

למשל מען האט געמאלן א לייב אדער א אדלער, און מען האט געשריבן אונטער דעם די משנה "רבי יהודה בן תימא אומר הוי גבור כארי", "וקל כנשר" וכו', טאר מען דאס נישט לייגן אין גארבידזש, מען קען אוועק שניידן די ווערטער און לייגן אין שמות, און די בילד קען מען אוועקווארפן.

דאס זעלבע איז, ווען מען האט געמאלן א נוי סוכה, און מען האט געשריבן אונטער דעם די פסוק פון "בסוכות תשבו שבעת ימים", אזוי אויך א בילד פון פורים און אונטער די מאמר "משנכנס אדר מרבים בשמחה", א.ד.ג., קען מען אוועק שניידן די ווערטער, און נאר דאס גונז זיין.

## י

## שאלה: וואס איז די הלכה פון א לוח פון יאר, דארף מען דאס גונז זיין?

**תשובה:** אויב עס שטייט נישט דערויף נאר די דאטום פון יאר, די חדשים, און די וואכן, און די טעג, אין די זמנים פון קריאת שמע, און הדלקת הנרות א.ד.ג., דארף דאס נישט קיין גניזה, אבער אויב עס איז געשריבן דערין, הלכות, תפלות, בקשות, אדער א מאמר חז"ל א.ד.ג., דארף דאס יא גניזה.

## יא

## שאלה: מעג מען אוועק ווארפן תורה טעיפס - סידים, פון דברי תורה א.ד.ג.?

**תשובה:** עס דארף נישט קיין גניזה, וויבאלד עס איז גארנישט געשריבן דערויף, און אויב מען וויל דאס אוועק ווארפן און מיסט, זאל מען דאס אוועק ווארפן בדרך כבוד (שו"ת תשובות והנהגות ח"ג).

## יב

## שאלה: דארף מען גונז זיין מלבושים וואס מען טוט אן צום דאווענען?

**תשובה:** מלבושים כאטש וואס זיי זענען מיוחד צום דאווענען, דארף מען נישט לייגן אין שמות, ווייל עס איז א בגד של מצוה, און נישט א בגד של קדושה, ווי למשל א גארטל, א קאפל - א היט - קיטל א.ד.ג.

עס זענען דא וואס זענען מקפיד אוועק צו ווארפן בדרך כבוד.

## יג

## שאלה: וואס איז די הלכה מיט א טלית קטן און טלית גדול, און א טלית בייטל, און וואס איז די הלכה מיט די ציצית?

**תשובה:** דאס בעסטע איז מען זאל אראפנעמען די ציצית און לייגן אין גניזה (רמ"א או"ח סימן כ"א ס"א), און די בגד קען מען לייגן אין מיסט בדרך כבוד (מ"ב ס"ק י"ג), עס זענען דא וואס זענען מקפיד צו לייגן אויך די בגד אין שמות.

אזוי אויך די עטרה, און די ליינונג, קען מען לייגן אין מיסט בדרך כבוד.

א טלית בייטל, און א ודאי די פלעסטיק פון די טלית בייטל, האט נישט קיין קדושה, און מען מעג דאס אוועק ווארפן בדרך כבוד.

## ציצית

אלטע פעדעמער זאל מען לייגן אין שמות, און נייע פעדעמער וואס מען האט נאך נישט ארויף געבינדן אויף די טלית קטן אדער טלית גדול, האט נישט קיין קדושה.

## יד

## שאלה: וואס איז די הלכה פון די זאכן וואס באלאנגען צו די תפילין?

**תשובה:** אלע זאכן וואס באלאנגען צו די תפילין דארפן גניזה, אין דעם איז נכלל, די רצועות, די בית'ל פונעם של יד, און די שיידלעך.

אויך די תפילין בייטל דארף גניזה, אבער די פלעסטיק פון תפילין בייטל, מעג מען אוועק ווארפן בדרך כבוד.

## טו

## שאלה: וואס איז די הלכה פון א פסול'ע מזוזה וואס דארף גניזה?

**תשובה:** א פסול'ע מזוזה וואס דארף גניזה, זאל מען נישט לייגן אין שמות, וויבאלד מען דארף דאס לייגן אין א כלי חרס און באערדיגן, עס איז ראטזאם דאס צו געבן פאר א סופר וואס ווייסט וויאזוי זיך אומצוגיין מיט דעם (שו"ת קנין תורה בהלכה ח"ג סי' מ"ז, שו"ת תשובות והנהגות ח"ג סימן שכ"ד).

## מזוזה האלטער

א מזוזה האלטער, אזוי אויך די פאפיר וואס נעמט ארום די מזוזה, דארף גניזה, וויבאלד עס איז א תשמיש דקדושה.

די נעגלעך וואס האלטן די מזוזה דארפן נישט קיין גניזה.



# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## אדם כי יקריב מכם קרבן לה'

הרה"צ ר' משה כהנא בעל דרך.. משה ז"ל, איז אמאל אנגעקומען צו א שטעטל און ער איז געגאנגען איינשטיין ביים פרנס פון שטאט וואס ער איז אויך געווען די שוחט און קצב אין שטאט.

ווען עס איז געקומען צופרי' און מען האט געדארפט גיין דאווענען האט ר' משה געזעהן ווי די מכניס אורח איז פארנומען מיט שחט'ן א בהמה און עס בודק זיין, האט ער אים געבעטן אפצולאזן די בהמה און גיין דאווענען און ער וועט דאס שוין שפעטער כשר מאכן, האט דער מכניס אורח געענטפערט אז ער זאל אים לאזן צוענדיגן זיין ארבעט, ווייל ער מאכט עס כשר כדי ער זאל אים דאס קענען סערווירן ביינאכט, האט ר' משה אים געזאגט אז א בהמה וואס מען איז בודק בשעת'ן דאווענען וועט זיין טריפה, און איך וועל דאס סייווי נישט קענען עסן ביינאכט, דער איד האט אים אבער אויסגעלאכט און ער איז געבליבן כשר'ן די בהמה אנשטאט גיין אין ביהמ"ד דאווענען, און פארשטייט זיך אז די בהמה איז ארויסגעקומען טריפה, עס האט געהאט אסאך מכות, וואס דאס האט דאס געמאכט טריפה.

ווען ר' משה איז צוריק געקומען צו די אכסני' פון ביהמ"ד האט אים די ווייב פונעם פרנס אנגעשריגן אז היתכן ער האט געשאלטן אז די בהמה זאל ארויסקומען טריפה, האט ער געענטפערט אז איך האב נישט גורם געווען אז דאס זאל ווערן טריפה, נאר דער אייבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה, ווייל עס שטייט אין פסוק 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה'', איז בשעת די ביהמ"ק איז געשטאנען און א מענטש האט געזינדיגט האט ער געדארפט ברענגען א קרבן אין די בית המקדש, און אויב מען האט עס נישט גע'שחט'ן אינעם ביהמ"ק איז דאס געווען חוץ למקומו און עס איז געווארן טריפה, די זעלבע איז היינטיגע צייטן ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש און די בית המדרש איז א בית מקדש מעט און די תפלה איז במקום קרבן, איז אויב מען גייט נישט אין ביהמ"ד דאווענען ווערן די בהמות אויך טריפה, דאס זאגט די פסוק אדם כי יקריב מכ"ם, 'מכ"ם' איז ר"ת מ'דה כ'נגד מ'דה, אז דער אייבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה אויב מען קומט נישט אין ביהמ"ד דאווענען. דאן האט זיך די מכניס אורח מקבל געווען אז פון היינט און ווייטער וועט ער אלעמאל גיין אין ביהמ"ד דאווענען.

*

דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט פאר זיין הסתלקות געזאגט אז נישט נאר אדם הראשון האט געזינדיגט נאר אונז אלע זענען געווען נכלל אין אים, און אונז אלע דארפן זיך מקריב זיין אלץ קרבנות פאר'ן אייבערשטן, און וואס זאל זיין די קרבן, אז ווען א מענטש ענדיגט דאווענען און ער וויל גיין עסן און טרינקן, און ער האלט זיך איין פאר אפאר מינוט און ער נעמט א ספר צו לערנען יעדער לויט זיין דרגא, חומש רש"י, משניות, גמרא, חק לישראל, אדער ער האלט איין זיין יצר הרע מיט אנדערע תאוות צו שיחה בטילה אדער שחוק, אדער סיי וואס, איז עס כאילו ער איז מקריב א קרבן פון זיך ממש.

*

עס ווערט דערציילט אז מען האט אמאל מודיע געווען פאר'ן הייליג'ן בעש"ט זי"ע, ווער עס וועט זיין זיין שותף אין גן עדן בעולם העליון, איז דער בעשט"ט הק' אהינגעפארן צו יענעם, און אים באטראכט א שטיק צייט און געזעהן אז ער איז א פשוט'ע פראסטע מענטש און ער עסט א גאנצן טאג.

איז די בעש"ט אים געגאנגען פרעגן פארוואס ער עסט אזוי סאך, האט אים דער איד געענטפערט אז אויב עס גייט אים אונטערקומען צו גע'הרג'עט ווערן אויף קידוש ה' זאל ער זיין א גרויסע פעטע קרבן, עס זאל זיין אסאך וואס צו שניידן און עס זאל זיין א גוטע פעטע שטיקל פלייש צו פארברענען על קידוש שמו יתברך. דאן האט דער הייליגער בעל שם טוב פארשטאנען פארוואס אזא פשוט'ע איד וועט האבן די זכי' צו זיין נעבן אים אין גן עדן בעולם העליון.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג צו, ח' ניסן הבעל"ט געפאלט אויס די יודל"ק פון דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי מרדכי בן הרה"ק רבי דוב בער שפירא מ'נעשכיז זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו:

רבי מרדכי מ'נעשכיז איז געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן אין יאר תק"ח לפ"ק.

דער הייליגער נעשכיזער טראגט מיט זיך א הייליגע יחוס, ווי עס דערגרייכט ביז דער הייליגער מהר"ל מפראג זי"ע ולמעלה בקודש.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי יחיאל מיכל מ'זלאטשוב זי"ע, אינטערעסאנט איז אינטערצושטרייכן אז דער הייליגער נעשכיזער האט נישט געוואלט איבערנעמען א כס הרבנות נאר נאך די פטירה פון זיין רבי'ן, און טאקע הערשט נאכן פטירה פון רבי מיכל'ע זלאטשובער האט ער אנגעהויבן בהנהגת העדה קדושה אין די שטאט נעשכיז פאר 11 יאר צייט.

תיכף ווען דער הייליגער נעשכיזער איז באוויסט געווארן, איז געווען שמו הטוב הולך לפניו, ווי מכל קצוי תבל איז מען געקומען צו פארן צו איהם, וויסענדיג זיין צדקות קדושה, און זייענדיג באוויסט פאר א גאר גרויסע בעל מופת און רוח הקודש וואס ער האט פארמאגט, ווי ער פלעגט טוען גאר אסאך אותות ומופתים, מער ווי אנדערע צדיקים אין זיין דור.

ער האט אויפגעשטעלט גאר אסאך תלמידים, צווישן זיי ציילן זיך, הרה"ק רבי נפתלי מ'ראפשיץ זי"ע, הרה"ק רבי נתן נטע מ'חעלעם זי"ע, הרה"ק ה'מאור ושמש זי"ע, הרה"ק ה'שרף מ'סטרעליסק זי"ע, הרה"ק רבי משה מ'שערשוב זי"ע.

מדברי תורתו איז געדריקט אינעם ספר רשפי אש, והוא מעט הכמות אבל רב האיכות, יעדער ווארט איז זייער הייליג.

### המנהג מה שהיה לו על השולחן תמיד הספר יד החזקה להרמב"ם זי"ע

דער הייליגער נעשכיזער האט געהאט א מנהג צו שטענדיג האבן אויף זיין טיש דעם ספר 'יד החזקה' פונעם הייליגן רמב"ם זי"ע, רביה"ק דערציילט אין עבו"ע (שיח"ק ח"ג ח"ג), אז איינמאל האט זיין זוהן הרה"ק רבי יצחק'ל נעשכיזער זי"ע געפרעגט פון זיין טאטן וואס די פשט אז עס ליגט אייביג אויף זיין טיש דער ספר, האט דער נעשכיזער געענטפערט אז דער רמב"ם האט זיך באוויזן צו איהם און געפרעגט פארוואס איך בין נישט עוסק אין לערנען זיין ספר, האב איך אים געענטפערט איך בין פארנומען אויפצונעמען די ציבור מיט קוויטלעך וואס דארפן ישועות ורפואות, און איך האב נישט קיין צייט צו עוסק זיין אין די ספר, האט מיר דער רמב"ם געזאגט, אויב אזוי, זאלסטו האלטן די ספר אויף דיין טיש אלעמאל, און איך בין דיר מבטיח אז יעדע מאל ווען דו וועסט ווילן פועל'ן א ישועה אדער רפואה זאלסטו עפענען די ספר און וועסט תיכף דארט טרעפן די ישועה ורפואה, האט דער נעשכיזער אויסגעפירט, און אזוי פיר איך מיר טאקע...

### עסק בתורה ותפלה כמו עשיית השתדלות לפרנסה

וכמו שכתב בספר הק' מאור ושמש (פ' בשלח ד"ה ויאמר) בשם הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע, כי מה שהאדם עוסק בדיבורי תורה ותפלה, נחשב כמו שעשה מעשה לפרנסה, כמו שאמרו חז"ל (ב"מ צ:) עקימת שפתיו הוי מעשה, וכותב שם, דלפי זה, כל מה שהאדם עוסק יותר בתורה ותפלה, פרנסתו מצויה לו יותר בריווח, כיון שעשה יותר השתדלות שתחול בו הברכה.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג עמ' פ"ד)

### אותות ומופתים ע"י הכלי מרבו זי"ע

ענליך ווערט דערציילט אז דער הייליגער נעשכיזער האט פארמאגט א כלי פון רבו מובהק, רבי מיכל'ע זלאטשובער זי"ע, און מיט דער כלי האט ער געטוען אותות ומופתים, דורך אראפקראצן פון די כלי עטליכע ברעקלעך שטויב, און דאס געבן פאר די חולים צו טרינקן, און אזוי פלעגן זיי האבן א רפואה.

האט דער נעשכיזער איינמאל זיך אויסגעדריקט, 'ווען איך וואלט ווען באקומען דער טיש וואס מיין רבי פלעגט זיצן דערויף, וואלט איך געקענט מחיה מתים זיין דערמיט...'

### גילוי מן השמים שהוא צדיק הדור

דער הייליגער מאור ושמש זי"ע פלעגט שטענדיג פארן צום הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, און פלעגט זיך ציילן פון זיינע חסידים, ווען דער רבי ר' אלימלך איז נסתלק געווארן האט דער מאור ושמש געבעטן אז מען זאל אים מגלה זיין פון הימל ווער עס איז דער צדיק הדור, צו וועם ער קען ווייטער פארן צו מקבל זיין תורה וחסידות, האט מען אים פון הימל געענטפערט אז דער הייליגער נעשכיזער ער איז דער צדיק הדור און צו איהם זאל ער פארן, און זיך מסתופף זיין תחת דגלו.

פון אנהויב האט דער מאור ושמש נישט געפעלט קיין אור זייענדיג במחיצתו פונעם נעשכיזער, אבער ביים זיין דארט עטליכע מאל האט ער אנגעהויבן צו פילן א מורא'דיגע גרויסע אור, און ער האט אנגעהויבן צו מקבל זיין גרויסע הייליגע הדרכות אין עבודת ה', און איז געווארן אנגעקניפט אינעם הייליגן נעשכיזער.

### האריך ימיו להרה"ק רבי משה מפשעווארסק זי"ע

דער הייליגער נעשכיזער האט גאר שטארק געוואלט אז רבי משה מ'פשעווארסק זי"ע זאל אים שרייבן א ספר תורה, ווי באקאנט איז רבי משה מפשעווארסק געווען א באקאנטע סופר מומחה און האט געוויסט וויאזוי צו שרייבן די שם הוי"ה בארבע קולמוסין אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא, און אזוי אויך האט ער געשריבן די סת"ם מיט א מורא'דיגע קדושה וטהרה.

האט אים אמאל דער נעשכיזער געבעטן צו ער איז וויליג אים צו שרייבן א ספר תורה, האט רבי משה מ'פשעווארסק געענטפערט, אז ער איז שוין אלט, און אז ער וויל נישט אנהויבן צו טוהן א זאך וואס ער וועט נישט ענדיגן, נאר - זאגט רבי משה פאר'ן נעשכיזער, - אויב וועסטו

מיר אנוואונטשן אז איך וועל קענען ענדיגן צו שרייבן די ספר תורה דעמאלטס נעם איך מיר אונטער צו אנפאנגען שרייבן די ספר, דאן האט אים דער נעשכיזער מבטיח געווען אז ער וועט עס קענען ענדיגן שרייבן און ער וועט נישט נפטר ווערן אינמיטן, רבי משה מפשעוואראסק האט געשריבן די ספר במשך פון "25 יאר" און ער האט מאריך ימים געווען בזכותו ובכוחו פונעם הייליגן נעשכיזער.

## כל העולם מברכים על האתרוג, ואני אברך על הסוס

איידער דער נעשכיזער איז געווארן אויפגענומען פאר רב, האט ער געוואוינט אין א שטאט נעבן ברודי, און ער פלעגט זיך שפייזן דורך האנדלען מיט פארשידענס, דער נעשכיזער פלעגט אונטערנעמען פארשידענע רייזעס איבער זיינע געשעפטן, און דורכאויס די יאר פלעגט ער בעפאר יעדע נסיעה אראפנעמען א קליינע סכום געלט און עס ווועקלייגן באזונדער, און מיט די אלע אנגעזאמלטע געלטער פון דורכאויס די גאנצע יאר פלעגט ער קויפן א אתרוג הדר.

אין יאר פאר יו"ט סוכות איז דער נעשכיזער געווען אויפן וועג צו קויפן א אתרוג הדר מיט זיין אפגעשפארטע געלט, אויפן וועג האט ער געטראפן א איד וויינט גאר ביטערליך נאך וואס זיין פערד מיט וואס ער פלעגט טראגן מענטשן איז געשטארבן, און יעצט האט ער מער נישט קיין פרנסה.

ווען דער נעשכיזער האט עס געהערט, האט ער געטראכט צו זיך, וואס איז א חילוק צווישן די מצוה פון קויפן א אתרוג און די מצוה פון העלפן א איד, ביידע זענען מצות ה', סיי האבן א אתרוג אין סוכות, און סיי מצות צדקה, תיכף האט ער אהינגעגעבן פאר דער איד זיין גאנצע סכום געלט צו קענען קויפן א נייע פערד זיך צו קענען ווייטער שפייזן.

יום טוב סוכות האט דער נעשכיזער געזאגט שמייכלדיג: 'דער גאנצע וועלט בענטשט מיט א אתרוג, און איך בענטש מיט א פערד...'

## בכל לבבך ובכל נפשך

צדיקים פלעגן זאגן אויף דער נעשכיזער, אז עס איז נישט קיין נפקא מינא ביי איהם צו ער זאגט יעצט די פסוק פון 'שמע ישראל' אדער רעדט יעצט פון א אנדערע זאך, נאר יעדע ווארט און תנועה דורכאויס די גאנצע טאג איז געווען א לאנגע קייט פון מסירות נפש אזוי ווי ארויסזאגן דער פסוק 'שמע ישראל'...

אזוי אויך ווערט געברענגט בשם צדיקים וואס האבן געזאגט 'אז ביי אים איז די דאווענען, לערנען, עסן און שלאפן די זעלבע זאך'...

אזוי אויך ווערט געברענגט אז דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האט עדות געזאגט אז אין הימל האט מען אויסגערופן 'מרדכי בן גיטל הוא בלתי לה' לבדו'.

## הסתלקותו לחיי עולם הבא

דער הייליגער נעשכיזער איז נסתלק געווארן לחה"ע ח' ניסן תק"ס לפ"ק, נאכן דינען רב אין שטאט נעשכיז במשך 11 יאר, און איז געקומען לקבורה בבית החיים אין שטאט נעשכיז.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.



# לוח היארצייטן

## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ה' ניסן | הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל בן רבי שמואל זי"ע - מ'אפטא - אוהב ישראל | תקפ"ה |
| ה' ניסן | הרה"ק רבי צבי אלימלך בן רבי דוד זי"ע - מ'בלאזוב - צבי לצדיק | תרפ"ד |
| ח' ניסן | הרה"ק רבי מרדכי בן רבי דוב בער זי"ע - מ'נעשכיז | תק"ס |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ג' ניסן | הרב ר' דוד יוסף בן רבי מרדכי ז"ל לייפער (מ'באניא) | תשס"ז | ביה"ח בקרית יואל |
| ה' ניסן | האשה החשובה מרת הינדא בת ר' אברהם הלוי ע"ה קרויס<br>אשת הרה"ח ר' נפתלי הכהן ע"ה | תשנ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ו' ניסן | הרב החסיד ר' משה בן הרה"צ רבי שמואל צבי ז"ל ווייס | תרפ"ד | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ח' ניסן | הרב החסיד ר' שלום אליהו בן ר' שמואל יהודה ע"ה פעלבערבוים | תשמ"ח | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| ח' ניסן | הרב החסיד ר' יודא יוחנן בן ר' אליעזר הלוי ע"ה נייהויזער | | |
| ח' ניסן | הרב החסיד ר' יצחק בן ר' יוסף ע"ה ווייס | תשפ"ג | |
| ח' ניסן | הרבנית הצדיקת פריידל ז"ל בת הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זי"ע<br>אשת הרה"ח ר' שמואל מאיר לייפער ז"ל | תש"פ | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| ט' ניסן | הרב החסיד ר' יעקב צבי ע"ה בן ר' שמואל משה מנחם הי"ו סאנדעל | תשס"ב | ביה"ח בקרית יואל |

# המשך הלכות תפילין

אויב מ'איז זיך מקבל נישט צו רעדן מיט תפילין, זאל מען זאגן אז דאס איז בלי נדר[1].

ס'דא וואס שרייבן אז ווער ס'איז נזהר זיך נוהג צו זיין בקדושה מיט די תפילין, און רעדט נישט דברים בטלים און שיחת חולין, איז מאריך ימים, און איז מובטח שהוא בן עולם הבא[2].

## היסח הדעת

איינער וואס האט אן תפילין אויף זיך זאל נזהר זיין פון מחשבות רעות, און אויב קומט אריין א מחשבה, זאל מען עס אוועקשטופן מיט א ריינע מחשבה, מ'זאל נאר טראכטן פון עניני קבלת עול מלכות שמים[3].

די גאנצע צייט וואס מ'האט אן די תפילין, טאר מען נישט מסיח דעת זיין דערפון אפילו איין רגע, קל וחומר פון די הייליגע ציץ[4]. דעריבער אויב דאווענט מען נישט יעצט, זאל מען ממשמש זיין יעדע שטיק צייט[5]. אבער אינמיטן דאווענען איז נישטא קיין חיוב צו ממשמש זיין[6] (אבער די מנהג איז צו ממשמש זיין ביי באשטימטע פלעצער ווי שפעטער געברענגט[7]).

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

היסח הדעת איז נאר ווען מ'לאכט ארום, קלות ראש, אדער א לענגערע שמועס פון דברים בטלים[8], מצוה מן המובחר (און אויך עפ"י קבלה[9]) נישט צו מסיח דעת זיין בכלל[10]. חוץ בשעת'ן לערנען תורה און שמו"ע[11].

## גוף נקי

ווען מ'האט אן תפילין, דארף מען אכטונג געבן נישט צו מפיח זיין[12]. ס'דא וואס האלטן אז די איסור להפיח ווען מ'איז מעוטר בתפילין איז א איסור מה"ת[13]. ס'דא וואס האלטן אז מ'דארף פאסטן אויב מ'איז מפיח בתפילין[14], מ'זאל פרעגן א שאלה אויב דאס האט פאסירט.

כל זמן די תפילין איז אויפן גוף פונעם מענטש טאר מען נישט שלאפן אפילו א שינת עראי, אלס חשש הפחה[15]. (א שינת עראי מיינט פון בערך 54 סעקונדעס, אדער א מינוט מיט 12 סעקונדעס און ווייטער[16]).

אויב זעט מען ווי איינער דרימלט מיט תפילין מער פון א שינת עראי, דארף מען אים אויפוועקן, ווען יענער וועט הנאה האבן דערפון[17].

אויב איז דא א צורך פון הפחה (ומצטער הרבה), און מ'האט נישט קיין צייט צו אויסטון די תפילין, זאל מען עס כאטש ריקן פון פלאץ, כדי ס'זאל נישט ליגן אויפן פלאץ[18].

## עסן און טרינקען מיט תפילין

מ'טאר נישט עסן און טרינקען ווען מ'האט תפילין אויף זיך[19].

---

1 ישועות חכמה (סי' י אות כ) 'גם טוב לנדור עצמו בלי נדר, שלא לדבר בתפילין שום דבר מעסקי העולם ואם ישאל לו אדם איזה דבר, ישיב לו בקצרה בלשון הקודש, וכל זה מביא קדושה להאדם', ועי' שו"ת ברכות שמים (ח"א סי' טז אות ג) דבשו"ת מהר"ם בריסק (ח"ב סי' יב) סובר דא"א להתיר למי שקיבל עליו שלא לדבר בתפילין, ועי' בשו"ת דברי שלום (ח"ו עמ' שז).

2 שנאמר ה' עליהם יחיו ולכל בהן חיי רוחי ותחלימני והחייני, קיצושו"ע (סי' י ס"א).

3 שו"ע (סי' לח ס"ד) 'המניח תפילין צריך ליזהר מהרהור תאוות אשה הגה ואם א"א לו בלא הרהורים מוטב שלא להניחם', ובמ"ב (סקי"ד) 'דבעינן גוף נקי גם ממחשבה רעה', ולהלן (בס"ק טו) כותב 'ומ"מ יראה בכל היכולת לכוף את עצמו ולמשוך הלב ליר"ש כדי להסיח הדעת מדברי הבאי המזיקים לגוף ולנפש, ולפנות הלב לקבל עליו עול מלכות שמים בקדושה'.

4 שו"ע (סי' כח ס"א) 'חייב אדם למשמש בתיפילין בכל שעה שלא יסיח דעתו מהם'. רמב"ם (תפילין פ"ד הי"ד) 'חייב אדם למשמש בתפיליו כל זמן שהם עליו שלא יסיח דעתו מהם אפילו רגע אחד, שקדושתן גדולה מקדושת הציץ, שהציץ אין בו אלא שם אחד, ואלו בהם אחד ועשרים שם של יוד קא בשל ראש וכמותן בשל יד', דהיינו שכתוב כ"א פעמים יוד קא ואו קי בפרשיות של יד ושל ראש וכשם שלכהן גדול הי' אסור להסיח דעת מהציץ כ"ז שהוא עליו כמו"כ כל אדם אסור להסיח מתפילין.

5 שו"ע (סי' כח ס"א), ושועה"ר (ס"ב).

6 מ"ב (סי' כח סק"ב) 'ובעת התפלה א"צ למשמש בהן'.

7 ועי' ישועות חכמה (סי' י אות טז), ובדרכי חיים ושלום (אות סז) שהי' ממשמש ומהדק כמה פעמים הרצועה שעל הראש שהתש"ר יעמוד, ישר ומכוון הדק היטב.

8 מג"א (סי' מד סק"ב) 'ולא חשיב היסח הדעת אלא כשהוא עומד בשחוק וקלות ראש', ובשועה"ר (בסידור) 'ואינו נקרא היסח הדעת אלא כשעומד בקלות ראש, או שחוק, ושיחה בטילה, שהרי מפיר יראה, אבל אם מתעסק בצרכיו ויראת השם היא תקועה בלבו להזהר מכל חטא ועון בעסקיו שלא למרות עיני כבודו ח"ו לא נקרא היסח הדעת אע"פ שאין דעתו ממש על התפילין'. ובמ"ב (סק"ג) מוסיף 'אבל כשהוא עוסק במלאכתו ואומנתו ואין דעתו עליהן ממש אין זה נקרא היסח הדעת, אם לא שמטריד דעתו כ"כ לצרכי הגוף עד שלבבו פונה מיר"ש מחמת טרדתו'.

9 סידור האריז"ל 'צריך ליזהר מאוד בהיסח הדעת כי גורם סילוק המוחין, ואין פגם גדול יותר מזה, אך בשעת תפילת י"ח או בשעה שלומד אין היסח הדעת פוגם כ"כ, אך אם תפריד מעט מחשבתך מן הלימוד, צריך לחשוב תיכף בהתפילין'.

10 מג"א (סי' מד סק"ב), שועה"ר (סי' כח ס"א): מצוה מן המובחר שלא להסיח דעתו מהן כלל, זולת בשעת ת"ת ובתפלת י"ח'., וכן כי בשאגת אריה (סי' מ) כותב 'ולענין הלכה נ"ל דכל היסח הדעת אסור בתפילין אפילו אינו עומד בשחוק וקלות ראש', ובתהלה לדוד (סק"א) מצדד כדבריו. ובכף החיים (סי' כח סק"ג) החמיר אף במגיה ס"ת להכינו לצורך קריאת התורה בשבת בעוד התפילין עליו, דלאו שפיר עבד.

11 שע"ת (סי' כח סק"א) 'כתבו גורי האריז"ל בעת לימוד התורה ותפלה א"צ ליתן דעתו בהתפילין', וכן הוא במ"ב (סי' מד סק"ג), ובביה"ל (ד"ה ישן) 'אף דפמ"ג כתב דמצוה מן המובחר שלא יסיח דעתו כלל מתפילין אפילו בשעת קר"ש ותפלה לא סתמתי כן, כי הבאה"ט בשם האריז"ל כתב להיפך ובפרט שמצאתי בס' אור זרוע (סי' תקפה) כשאדם מכוין לבו בתפלתו או בהלכה שלו, אין זה היסח הדעת, דכ"ש דאיכא י"ש'. והלומד רואה שיש חילוק בין הפוסקים, דלדעת סידור האריז"ל והשועה"ר מותר רק בתפלת י"ח או בלימוד התורה, ולשע"ת מ"ב אור זרוע מותר בכל התפלה.

ובספר אור צדיקים (תיקון התפלה אות ו) מביא מעשה מחסיד אחד שהתאמץ בכוונותיו, בלמען לא ניגע לריק והסיח דעתו מהתפילין ובא לו עונש ע"ז, וכן בזכרון זאת (פקודי).

12 שו"ע (לח ס"ב) 'מי שברי לו שאינו יכול להתפלל בלא הפחה, מוטב שיעבור זמן התפילה, ממה שיתפלל בלא גוף נקי, ואם יראה לו שיוכל לעמוד עצמו בגוף נקי בשעת קרי"ש, יניח תפילין בין אהבה לקר"ש ויברך'.

13 שאגת ארי' (סי' מ).

14 אשל אברהם (בוטשאטש סי' לח).

15 שו"ע (סי' מד ס"א): 'כל זמן שהתפילין בראשו או בזרועו אסור לישן בהם אפילו שינת עראי, אלא אם הניח עליהם סודר, ישן בהם שינת עראי, וכיצד הוא עושה מניח ראשו בין ברכיו והוא יושב וישן', ומ"ב (סק"א) 'דגזרינן שמא יבוא להפיח בהם, וע"י הנחת הסודר עליהן יזכור שיש תפילין עליו ולא יבא להפיח'. ובכף החיים (סק"ג) כתב 'האריז"ל החמיר מאד בענין היסח הדעת וכו' וא"כ כ"ש שלא ישן בהם אפילו שינת עראי לדבריו וכו' אפילו מניח עליהם סודר'.

16 המג"א (סק"ג) מביא ב' דיעות, או שאין לזה שיעור כיון שאם מניח ראשו בין ברכיו, מותר לישון אפילו הרבה, ואח"כ כותב 'וי"א כדי הילוך ק' אמות והוא חלק ס"ז משעה בקירוב', והמ"ב (סק"ד) מעתיקו, וזהו לפי חשבון המינוטן 54 סעקונדעס, ובכף החיים (סק"ד) מעתיק הנ"ל ומוסיף 'ולמאן דחשיב שיעור מיל ב' חומשי שעה, א"כ הוי מאה אמה שיעור חלק חמישים משעה בקירוב', ולפ"ז הוא מינוט ועוד 12 סעקונדעס. בית נאמן בישראל (הנחת תפילין עמ' לה).

17 פרמ"ג (א"א סק"ג) 'אם רואין שישן יותר מק' אמה צריכין להקיצו'. ובשו"ת חיי הלוי (ח"א סי' ח) מביא שו"ת קרן לדוד (סי' יח) שמשמע שבמצוה מה"ת יש להקיצו ובמצוה דרבנן תלוי באם יהנה ממה שיקיץ אותו, ובח"ג (דף קכו) כתב דאולי גם הפמ"ג מיירי כשחבירו יהנה מזה.

18 מ"ב (סי' קג סק"ג).

19 שו"ע (סי' מ ס"ח).

ובוזכנו לגדל (עמ' תשכה) מציין שהרה"ק מסקווירא זי"ע נהג לומר הברכות וקריאת השם לילד בברית מילה עם התפילין אף ששותין מן הכוס בעת שהתפילין על ראשם, אולם יתכן שזה לא נקרא כלל שתיה.



בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

Fax (450) 433-9379 פאקס | In Yeshiva (450) 430-6420 בבנין הישיבה | Tel. (450) 435-0209 בבית

בעזהשי"ת

ערב ניסן תשפ"ו לפ"ק פק"ק קרית טאהש יע"א

# מודעה

## כל דכפין ייתי ויכול
## כל דצריך ייתי ויפסח

הננו להודיע לכל אלו הרוצים להידשם להשתתף אצל

## עריכת הסדרים
## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בחג הפסח הבעל"ט

נא לפנות ולהידשם במוקדם האפשרי

**450-435-0209**

כדי שנוכל לסדר את כל אחד ואחד עצהיו"ט כראוי וכיאות

בברכת חג כשר ושמח

**העומדים על משמרת הקודש**







בית המדרש תפארת משולם ד'טאהש
שיעורי הלכה
ע"י הרה"ג הדומ"ץ שליט"א
הלכות בדיקה וביטול והגעלה
הלכות ועניני ליל הסדר ח"א
הלכות ועניני ליל הסדר ח"ב


להתקשר פושקע דרייוון!
צדקה
האט איר א פושקע איסטאלירט?
450-910-1500


קהל אור החיים ד'טאהש
מזלא טבא וגדיא יאה
מנחם משה עקשטיין
לרגל תת ד' שמחה במעונו
בהולדת בנו למזל טוב


זמן הבחינה
יום א' צו
9:30
8:00
מסכת זבחים
מסכת בבא בתרא
מזון הנפש
הפך בה והפך בה,
ומינה לא תזוע


התאחדות אברכים
סדר השיעורים
באנו בזה להודיע לכלל אנשי שלומינו באי בית מדרשינו החשובים
פרטי סדר השיעורים
הלכות ימי החג הבעל"ט
אשר בו יקיפו כל הלכות הנחוצות
מראשית ההכנות לחג עד חסל סידור פסח
הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א
א' צו | נקיון הבית - שמות
ב' צו | הגעלת כלים - טבילת כלים
ג' צו | מכירת חמץ-אפיית מצות-מאכלים בפסח
ד' צו | בדיקה וביטול
ה' צו | דיני יום ערב פסח וליל התקדש חג
משעה 8:45 עד 9:45
בהיכל בית מדרשינו


מזלא טבא וגדיא יאה
איחוד
מוה"ר
אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש
הי"ו
מגדולי עסקני האיחוד
בהולדת בתו למזל טוב
הקהלת איחוד תלמידי חסידי טאהש

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ויקה"פ - תשפ"ו לפ"ק

## שבת קודש פר' תשא - פרה

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געזעגנדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן שמואל מרדכי ב"ר ישעי' יעקב בינער הי"ו, דערנאך געבענטשט די חתן און אנגעוואונטשן ברכות לרוב פארן חתן ומחותנים און זיידע'ס.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן: מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אשר ענזיל ב"ר שמואל נתן סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב אלי' לייב סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ח ר' ישראל אברהם סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, אדמו"ר מדעלאטין שליט"א, הרה"ח ר' חיים משה בינער הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר משה גדלי' צוויבל הי"ו.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן ומו"ץ.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן שמואל מרדכי ב"ר ישעי' יעקב בינער הי"ו וועלכע האט חתונה אין ניו יארק. דערנאך אנגעוואונטשן ברכות לרוב פארן חתן און מחותנים.

שבת נותנים מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרב ישעי' סג"ל קרויס שליט"א מנהל ת"ת. שחרית האט געדאווענט מוה"ר איתמר לייפער הי"ו פון קרית יואל לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר לוי יצחק קאהן הי"ו פון מאנסי, לוי הרה"ח ר' ישראל אברהם סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, שלישי מוה"ר מנחם מאיר לייפער הי"ו, רביעי מוה"ר משה גדלי' צוויבל הי"ו, חמישי מוה"ר איתמר לייפער הי"ו, ששי אדמו"ר מ'דעלאטין שליט"א, שביעי מו"ה ישראל אלי' לייפער הי"ו פון מאנסי, הוספות: מו"ה דוד ברמ"י הערשקאוויטש הי"ו, החתן אשר לעמיל ב"ר מנחם מאיר לייפער ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, אחרון החתן שמואל מרדכי ב"ר ישעי' יעקב בינער ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן. הגבה אויפן ערשטן ספר תורה מו"ה שאול יחזקאל מערמעלשטיין הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. דער רבי האט עולה געווען מפטיר - החודש.

הגבה אויפן צווייטן ספר תורה מו"ה דוד יודא מערמעלשטיין הי"ו, גלילה מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו.

רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר שמואל פאללאק הי"ו פון מאנטריאל.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' ישי ב"ר משה ישראל מאיר עקשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה"ר יצחק אייזיק ווייס הי"ו מנהל חברה שומרים, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' ישראל אברהם סג"ל קרויס הי"ו. שיר המעלות הב' שלום מעזעי ני"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה"ר יששכר בער לייפער הי"ו. די עליות האבן עולה געווען, ראשון

הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, שני הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, שלישי הרה"ח ר' חיים משה בינער הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר ישעי' יעקב בינער הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, הרה"ח ר' טובי' מאיר ניימאן הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר אשר לעמיל פעלבערבוים הי"ו, מוה"ר משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הב' שמואל יוסף ב"ר יצחק אייזיק מערמעלשטיין נ"י תלמיד ישיבה גדולה, שיר המעלות הב' אלי' ב"ר משה מאיר ברוין נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, און דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' יצחק ב"ר משה אשר ראזענבערג נ"י תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן הב' ב"ר פנחס פערל נ"י פון מאנסי.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען אב"ד דעלאטין שליט"א צו פארציילן סיפורי צדיקים, דערנאך מו"ה אברהם טרעפ הי"ו. שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' ויקה"פ

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען אויף א קורצע באזוך אין ניו יארק, דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו ואחיו הרה"ח ר' מאיר סג"ל שווארץ הי"ו אין וויליאמסבורג, וועלכע זענען געזיצן שבעה נאך א ברודער ע"ה, דער רבי האט געטרייסט, מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## מאנטאג פר' ויקה"פ

דער רבי האט געדאווענט תפילת שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וויליאמסבורג. פארן עמוד האט געדאווענט מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען, כהן הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי מוה"ר משולם איסר ברה"ל קרויס הי"ו, הגבה מוה"ר יואל סג"ל קרויס הי"ו, גלילה מוה"ר משולם פייש פעלבערבוים הי"ו.

שפעטער איז דער רבי געפארן קיין קרית יואל וואו דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי משפחת המנוח ש"ב הרה"ח ר' שלמה יאקאבאוויטש ז"ל, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

דערנאך האט דער רבי אפגעשטאט א באזוך בהיכל ישיבה גדולה תורת משולם פייש און געדאווענט תפילת מנחה, פארן עמוד האט געדאווענט הב' אלי' שטיין נ"י.

דערנאך האט דער רבי באזיכט אין דערנעבנדיגן ישיבה קטנה תפארת משולם פייש, דער רבי האט זיך אומגעקוקט ווי פלייסיג די בחורים לערנען, און באזונדער ארויף צו די חדרי הכיתות און זיך אומגעקוקט מיט הנאה.

דערנאך האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

## מיטוואך פר' ויקה"פ - כ"א אדר

פארטאגס האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית בהיכל ישיבה גדולה אור החיים אין קריתינו הק', ווי דער רבי האט געדאווענט שחרית פארן עמוד לכ' די יודה"ל.

דערנאך האבן 2 בחורים געמאכט א סיום מסכתא. און דער רבי איז ארויס צום ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת כל ספר תהלים מיט גרויס התעוררות.

נאכמיטאג האט דער רבי געדאווענט תפילת מנחה בהיכל ישיבה גדולה, דער רבי האט געצינדן ליכט און געדאווענט פארן עמוד.

⋄

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא בהיכל ביהמ"ד הגדול, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א שיינע רייכע סעודה פאר כל הקהל הקודש.

דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה, געטרינקען און געוואונטשן לחיים, און תלמידי ישיבה גדולה האבן אנגעפירט מיט פאסיגע ניגונים.

אויפן אויבן אן האבן באשיינט כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, בני וחתני רבינו שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ג ר' יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, און נאך.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, בגודל קדושת בעל ההילולא וספרו הק' נועם אלימלך, אזוי אויך האט דער רבי דערציילט פונעם זיידן הגה"ק סוואליווא רב זי"ע וואס די יארצייט איז כ"ב אדר.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א אויפצוטרעטן מיט סיפורים ועובדות לכ' ההילולא קדישא. און דער רבי האט געטיילט שיריים פון די קוגל.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הרבני הנגיד ר' אברהם שלמה סטרולאוויטש הי"ו פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' אברהם זיידא ב"ר יואל הערש פויגעל נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי אויך מכבד געווען הנגידים החשובים הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו פון קרית

יואל, און הרה"ח ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל.

## דאנערשטאג פר' ויקה"פ

אינדערפרי' איז רבינו שליט"א געווען סנדק ביים ברית פון בן הנולד צו מו"ה יונה יצחק וואלנער הי"ו משמש ביהמ"ד אברכים. דערנאך האט דער רבי' געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות פאר די עלטערן און זיידע'ס ובני משפחה.

דערנאך איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה יואל כהנא הי"ו, ווי דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג איז דער רבי' אנגעקומען צום קבלת פנים ביים חתונה פון בת מוה"ר שמואל צבי' זאנוויל פרושינובסקי הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי' האט מסדר געווען די כתובה געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי' האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

בית המדרש
עטרת מרדכי
ד'טאהש
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# עבידנא יומא טובא לרבנן

בברכת התורה הננו מברכים ברכת
מזלא טבא וגדיא יאה קדם האי גברא רבא ויקירא
מוכתר באיצטלותא דרבנן פה מפיק מרגליות

## הרה"ג אלעזר ליבערמאן שליט"א

מגיד מישרים בקהילתינו הק' וראש חבורת עבודת עבודה

## לרגל שמחת התורה



שעמד על כור המבחן
על כל הלכות שבת כולה
ומורה ודאין בשאר הלכות אורח חיים ויורה דעה
ויורה יורה ידין ידין בדבר ה' זו הלכה

ויה"ר מן קדם מרן אבוהון די בשמיא וארעא
שיצליח במשנתו ולא יצא מכשול מתחת ידו
ולאילנא רברבא יגדל עדי נזכה לביאת גוא"צ בב"א

המברכים לעמתו ושמחים בשמחתו:
הנהלת ומתפללי בית המדרש

מזון הנפש
דקהל אור החיים ד'טאהש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת צו - שבת הגדול =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ויקרא | דף סט. | דף סה: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף סט: | דף סו. | דף קסד: | דף קסב. |
| מאנטאג | דף ע. | דף סו: | דף קסה. | דף קסב: |
| דינסטאג | דף ע: | דף סז. | דף קסה: | דף קסג. |
| מיטוואך | דף עא. | דף סז: | דף קסו. | דף קסג: |
| דאנערשטאג | דף עא: | דף סח. | דף קסו: | דף קסד. |
| עש"ק | דף עב. | דף סח: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת אחרי קדושים
חבורת ז' עמודים - כל סו. - פ:
חבורת ה' עמודים - קסד. - קסט:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו


פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב לע"נ
הרב החסיד ר' שלום
אליהו ב"ר שמואל
יהודה ע"ה
פעלבערבוים ע"ה
יארצייט ח' ניסן - ה' צו הבעל"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

מקושר פון איבעראל
קול איחוד
טאהש
718.451.TOSH
514.500.TOSH

718.451.8674
514.500.8674
0.333.015.0715
079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייננצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג



יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

איחוד
תלמידי וחסידי
טאהש

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד